## יאָסל בירשטיין

# לידער

* * *

אין די פאַלדן פון מיין באָבעס קלייד
טליען געלע תהילים־תפילות.
איז מיין באָבינקע אליין אַ סידור
פון קלאָגיקע אַלטמאָדישע מגילות.

לויכט אַ ברוינער צער אין אירע אויגן
מיט דעם חן פון דורותדיקן טרויער.
איז איר בליק אַ פולער רעגן־בויגן —
אַ רעגן־בויגן פון באַרויער.

זענען מיט חרטה פול די טעג,
זענען שטילע ליידן אירע טריט.
זענען ווי די קנייטשן אויף אירע מחשבות,
איז אויך אַזוי שוין איר געמיט.

וואָס שטשירען זיי די גופים, ביסטרע ציין ?
וואָס וויל דער פחד אויף דער שויב ?
ס'איז דער סוד שוין מער נישט סוד,
ס'קומט אַ חשבון אויך נאָך טעג פון שטויב.

זיצט זי אומעטיק און שטילערהייט,
און מיט חן פון קלאָגנדיקע מגילות.
לייענט זי אין די פאַלדן פון איר קלייד
געלע, טליענדיקע, תהילים־תפילות.

* * *

איינגעגנורעט אין זעלנער־מאַנטל
ליג איך אויפן פוילן שטרוי,
אזוי מיד, אזוי מיד,
אַן אַלטער זקנדיקער ייד.
און קינס האַנט איז צאָרן
און קינס פויסט נאָך אַלץ א שווערד.
קין וואַליעט.
חבל מורמלט: „שלאָג".

עס יושעט תענוג אין א האַנט אזא וואָס שלאָגט.
פאַראַן אויך פרייד אין בויגן זיך צו דר'ערד,
פאַראַן א תענוג אויך אין בויגן זיך צו דר'ערד.
נאָר ס'איבלט שוין אזוי פון קינס לאַפּעס
מערער נאָך
פון מורמלען: „שלאָג".

גראָב איך זיך אין זעלנערדיקן מאַנטל.
וואָס וויל דער גרינער מאַנטל פון מיין לייב?
וואָס גראָב איך זיך אין שוויים־פאַרפוילטן שטרוי?
אזוי מיד, אזוי מיד,
א זקנדיקער ייד.

אָ, אין דער וויסטער וואָיעניש פון בלוט און שדים־רייד,
וואָס האַלט ער נאָך, מיין זיידע, כהנדיק די הענט צעשפּרייט?...

* * *

דיין פאַרנאַכטיק פּנים, מידער ייד, דו.
דיין פאַרנאַכטיק פּנים רוט אויף מיין געזיכט.
בין איך פול מיט נאַכט, ווי ערד אין בין־השמשות ליכט,
און מורמל שאָטנדיקע לידער.

בין איך די שפּראָצונג נאָך דיין ווידוי?
און אָנשטאָט צו זיינען פרייד פון דורותדיקן טרויער
קרים איך אויס אַ ליפּ, שווייג אויס שטום באַדויער,
און היל זיך טיפער נאָך אין שאָטנדיקע לידער.

גאר נאָענט איז מיר דיין איבעריקער גוף אויף בייזער וועלט דער
אַזוי היימיש, עפּעס אַזוי מאַמישדיק דיין שוים איז.
אַז נאָכגיביק גראָב איך איין דאָרט מיין געזיכט
און פאַרוויג זיך אין זיין בין־השמשות ליכט.

* * *

אונטער מיינע וואקלדיקע טריט
פלאָנטערט זיך דער גורל פון אַ ייד.
גלאָץ איך פאַרטאַמניעט אויף דעם רויביקן אָרום
ווי אַן אָפּגעריסענער נאַר מיט אָנבוונהדיקע הענט
און זאָג: מיינע מחשבות זענען שפּאַלטן אויף געפּלאַצטע ווענט
און אַ בייסיקע חרטה אויף מיינע ליפּן שטומט.

ווייס איך; פאַרפּלאָנטערן וועל איך זיך אין יאושדיקן גאַנג
און צום אין־סוף — אמת פון נישט־זיין
וועל דערקומען אפשר, וועל דערגיין
ווי אַן אויסגעדאַווגט ביכל, ווי אַ פאַרגעסן געזאַנג.

נאָר ס'איז שוין אַזוי די טבע פון יעדן געמיט
אין אַ ווינקל, פאַרבאָרגן, צו נעסטלען אַ טויב.
זאָג איך שטילערהייט און מיד,
נישט קיינער און נישט איך אַליין זאָל הערן:
גלויב... גלויב...